**גוט שבת אלע אידן.** הרה"ק מרדכי דוב מהארנסטייפל זצוק"ל איז געווען גאר א הייליגער איד וואס האט קוים עפעס געגעסן. אמאל, איז דער רבי געפארן אויפ'ן וועג מיט זיינע חסידים, און זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע עפעס אין מויל צו נעמען. די חסידים האבן אנגעקוקט דעם הייליגן צדיק בשעת ער האט געגעסן. יעדער איינער האט זיך געשטופט צו זען ווי אזוי דער צדיק עסט. ווען דער צדיק רב מרדכי זי"ע האט טועם געווען פון די זופ, זענען די חסידים נתפעל געווארן. ווייל זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז דער רבי וועט עסן נאר געציילטע לעפלעך פון די זופ, על פי דרכו בקודש. אבער דא זען זיי אז דער רבי עסט אויף די גאנצע זופ איין לעפעל נאכן אנדערען. נאכען ענדיגן דעם גאנצן טעלער זופ, האט דער צדיק געבעטן נאך א טעלער זופ פונעם בעל קרעטשמע. דער בעל קרעטשמע האט זיך דערפרייט צו זען אז דער צדיק האט ליב געהאט זיין עסן. און ער איז שנעל געלאפן אין די קאך אריין צוברענגען נאך א טעלער זופ פאר'ן צדיק. און דער צדיק האט דעם צווייטן טעלער זופ אויך אויפגעגעסן, און געבעטן נאך א טעלער. דער זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל ביז דער צדיק האט געענדיגט דעם גאנצן טאפ זופ.

ווען דער רבי און די חסידים זענען אוועקגעפארן פון די קרעטשמע, האט דער רבי דערציילט פאר זיינע חסידים ווי אזוי ער האט פלוצלינג באקומען אזא גרויסען אפעטיט. "ווען איך האב טועם געווען די זופ, האב איך געשפירט אז די קעכערין האט בטעות אריינגעלעגט קעראסין (א מין גאזולין) אנשטאט אויל אין די זופ! איך האב פארשטאנען אז אויב דער בעל קרעטשמע וועט עס באמערקן וועט ער זיך זיכער אויפרעגן אויף די קעכערין. האב איך געטראכט אז ענדעש זאל מען זאגן אז איך בין א בעל תאוה ווי איידער צו מצער זיין א אידיש קינד. (פון "א גוט וואך" ר' א. בארש, עמוד נ)

רב מרדכי האט געגעסן די זופ מיט די ריכטיגע כוונות. נישט ווייל ער איז געווען הונגעריג, נאר ער האט עס געגעסן ווייל ער האט נישט געוואלט אז מען זאל פארשעמען א אידיש קינד. פון די מעשה קענען מיר ארויסנעמען א וויכטיגע מוסר השכל וואס איז שייך פאר אונז אין אונזערע טאג טעגליכע לעבן: א איד זאל אייביג פראבירן צו עסן נישט אלס תאווה נאר מיט ערליכע כוונות, למשל מקיים צו זיין א מצווה מיט'ן עסן לכבוד שבת קודש, אדער זאל ער עסן כדי צו האבן כח צו דינען דעם אייבערשטען.

מ'זעט דאס ענין פון עסן מיט די ריכטיגע כוונות אין די פרשה פון אדם און חוה. אדם און חוה האבן אריינגעברענגט שלעכטס אין די וועלט ווייל זיי האבן געגעסן פון דעם "עץ הדעת טוב ורע" לשם תאווה קעגן דעם רצון פונעם אייבערשטען. אזוי ווי ס'שטייט אין דער הייליגער תורה: "ותרא האישה כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעיניים ונחמד העץ וכו'": און די פרוי האט געזען אז דער בוים איז גוט צום עסען און אז ער איז גלוסטיג פאר די אויגן וכו' (ג,ו) און נאכדעם זעט מען ווי דער אייבערשטער האט געשטראפט חוה מיט די קללות פון "הרבה ארבה עצבונך והרונך בעצב תלדי בנים ואל אישך תשוקתך והוא ימשל בך." (ג,טז) און ער האט געשטראפט אדם מיט די קללות פון "...ארורה האדמה בעבורך וכו'" זאל די ערד זיין פארשאלטן וועגן דיר... און "וקוץ ודרדר תצמיח לך... וכו'" – דערנער זאל זי שפראצען צו דיר, און "בזעת אפיך תאכל לחם..." – מיט דעם שווייס פון דיין פנים וועסטו האבן ברויט צו עסן און "ואל עפר תשוב וכו'" – און צו דער ערד זאלסטו דיך צוריקקערן. (ג,יז–יט)

אלעס ווייל אדם און חוה האבן געגעסן לשם תאווה קעגען דעם מפורש'ע באפעל פונעם אייבערשטען אז "ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו וכו'" – פון דעם עץ הדעת זאלסטו נישט עסן! (ב,יז) קומט אויס אז דאס שלעכטס איז אריינגעקומען אין די וועלט דורך נישט עסן מיט די ריכטיגע כוונות!

דער מאור עינים איז מסביר די טיפקייט פון דעם ענין אין פרשת מטות. אז דורך עסן מיט דער ריכטיגע כוונה לשם שמים קענען מיר מתקן זיין דעם חטא פון אדם הראשון. ווייל ווען אדם און חוה האבן געגעסן נישט לשם שמים האבן זיי גורם געווען אז שלעכטס מיט גוטס זאלן ווערן אויסגעמישט אויף די וועלט. און אז דורך עסן לשם שמים קען א איד אפטיילן דאס גוטס פון די שלעכטס. ווייל די השפעות טובות פון די מאכלים גיין אריין אין דער נשמה, און עס בלייבט נישט איבער נאכדעם נאר די שלעכטס.

וועגן דעם איז דאס עסן פון א איד לשם שמים אזוי וויכטיג, ווייל דורך עסן לשם שמים איז א איד מתקן די בריאה ממש!

עסן די מאכלי שבת לכבוד שבת קודש האט א באזונדערע כח צו מתקן זיין די בריאה. אזוי ווי דער מאור עינים ברענגט "ג' סעודת שבת הם הג' מוחין הנשפעים אל האדם כל אחד בשעתו ובסעודתו הוא העיקר וכו'" (ד"ה "ועל" דף קצ"ח בדפוס של מכון "מאור התורה", תשס"ב) ווייל עס זענען דא אין די מאכלי שבת אלע כוחות און השפעות טובות פאר די קומענדיגע וואך.

מען ווייסט אז א צדיק האט א באזונדערע כח צו מתקן זיין דאס עסן, בפרט בשבת. אזוי ווי דער מאור עינים ברענגט "ענין 'צדיק אוכל לשובע נפשו', שאכילתו הוא רק למזון הנפש, שמסתכל אל החיות המלובש במאכל שהוא אוכל." (ד"ה "אמר" דף תקכ"ז) וועגן דעם קומען חסידים צום טיש פונעם צדיק צו זען ווי דער צדיק עסט. דורך אנקוקן ווי א צדיק עסט ביים טיש אין שבת, קענען חסידים זיך מתחזק זיין אין די וויכטיגקייט פון עסן לשם שמים, אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט "צדיק אוכל לשובע נפשו וכו'" – א צדיק עסט כדי צו ארויסנעמען די ניצוצות פון די מאכלים כדי צו געבן עסן פאר זיין נשמה וואס איז דער "ניצוץ הקדוש." אזוי ווי דער אור החיים הקדוש ברענגט: "במאכל יש סודות מופלאים כאמור 'צדיק אוכל לשובע נפשו' (משלי יג כה), לפנימיות הרוחניות." (ספר בראשית, פרשת וירא, פרק יח)

פון דעם זעט מען אז עסן איז נישט קיין פשוט'ער זאך. אזוי ווי דער מאור עינים ברענגט וועגן עסן לשם שמים "הוא גם כן עבודת ה' כמו תורה ותפלה ותפילין וכל המצות וכו'" (ד"ה "ועל", דף רפ"ב) ווען אדם און חוה האבן געגעסן נישט לשם שמים האבן זיי גורם געווען אז שלעכטס זאל זיך אויסמישן מיט גוטס אין די וועלט. אבער דורך עסן לשם שמים קען א איד אפטיילען דאס גוטס פון די שלעכטס. וועגן דעם דארף א איד געדענקן אז ווען ער זעצט זיך אוועק עסן בפרט אין שבת קודש, אז מען איז עוסק אין תיקון הבריאה ממש.

לאמיר ענדיגן מיט די הייליגע ווערטער פון הרה"ק אלימלך פון ליזענסק זצ"ל אין צעטל קטן: "ויכון כשהוא אוכל דבר מה או שותה דבר מה, שהטעם שהוא מרגיש בפיו בשעת לעיסה ושבעת גמיעה היא פנימיות הקדושה וניצוצות הקדושה השורה במאכל... ועל ידי האכילה... נברר הפנימיות מהמאכל... ואז נפשו נהנית מהפנימיות וכו'" מען זאל אין זינען האבן ווען מען עסט אז מען איז מעלה די הייליגע ניצוצות פון קדושה וואס ליגט אין דעם עסן. אויב אזוי כדאי איז עס צו עסן מיט כוונה! **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :ליגן צוריק די ספרים! דורך דעם וועסטו זיין א מזכה את הרבים!**

***האסטו קובע געווען עתים לתורה אין בית מדרש? יישר כחך! יעצט זאלסטו מקיים זיין וואס דו האסט געלערנט: און לייג שוין צוריק די ספרים!***